בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | פ' כי תצא | ז' אלול | תשע"א | פסחים: צ"ג.

# באריכט:

## ברוך מתיר אסורים – ובני ציון יגילו

אילו פינו מלא שירה כים ולשונינו רנה כהמון גליו אין אנחנו מספיקים להודות, אויף די גרויסע חסדים פונעם אויבערשטן אז הב' יואל זאב גאלדשטיין ני"ו וועלכער האט געשמאכטעט אין די יאפנעזער טורמע פאר א צירקע פון דריי-א-האלב-יאהר, איז היינט נאכט אנגעקומען בשלום אהיים קיין ארה"ק און זיך ב"ה געקענט צוריק פאראייניגן מיט זיין פאמיליע און גוטע פריינד.

דורכאויס די גאנצע צייט פון די לעגנגערע פראצעדורן, איז מרן רבינו שליט"א כסדר אינפארמירט געווארן פון די עסקנים שיחיו ובראשם הגאון דומ"ץ דקהלתינו אנטווערפן שליט"א, איבער ווי ס'האלט די מצב, אנגעהויבן נאך פון די ערשטע אסיפה בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א גלייך נאך די ארעסטן, ווי דער רבי שליט"א האט אפגעהאלטן אן אסיפה מיט אלע עסקנים און כלל טוער ובראשם דער דיין שליט"א – ביז אצינד. און אצינד איז די שמחה גרויס ווען די אומצאליגע תפילות פון אחב"י האט עושה רושם געווען און דער בחור איז ב"ה אנגעקומען אהיים בשלום.

מארגן וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן א סעודת הודאה אין ק"ק תולדות אברהם יצחק, בהשתתפות פון האדמו"ר מ'תולדות אברהם יצחק שליט"א.

אצינד איז אבער נאכנישט די שמחה גאנץ-פאכיג ווען כלל ישראל איז ווייטער מרבה בתפילה ובתחנונים אז הב' יעקב יוסף בן ריזל וועלכער שמאכטעט נאך אין יאפאן, זאל קענען געפירט ווערן אויף ארה"ק וואס גיכער.

***-השתדלו והרבו תיפלה ובקשה עבור: הב' יעקב יוסף בן ריזל-***

## בקודש פנימה

נעכטן נאכמיטאג האט מרן רבינו שליט"א טעלעפאניש מנחם אבל געווען מחותנו האדמו"ר מ'סוליצא שליט"א וועלכער זיצט ל"ע שבעה נאך זיין זוהן האדמו"ר מ'קאזניץ-סיגעט שליט"א.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר הערשל סאבאוויטש הי"ו פון קרית

יואל, נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

נאכמיטאג צייט איז דער רבי שליט"א ערשינען אין היכל הישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט אנגעהויבן דעם ערשטן "סוגיא שיעור" פון דעם זמן אין די סוגיא פון "חצי שיעור".

מען קען מיטהאלטן טעגליך דעם שיעור דורך א לייוו הוק-אפ אויף קול סאטמאר.

אצינד אויפדערנאכט נעמט מרן רבינו שליט"א אויף דעם ציבור אנ"ש אין וויליאמסבורג בביתו נאוה קודש ביז אום 9:30 פונקטליך.

## הגה"צ ראש ישיבת מהרי"ט בני ברק שליט"א צוגאסט אין ניו יארק

לקראת די בעפארשטייענדען מגבית לטובת די כולל עצי חיים לצדקת ר' מאיר בעל הנס פון בני ברק, וועלכעס גייט אצינד פאהרקומען אין קרית יואל, איז הגה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק געקומען צוגאסט אויף ניו יארק ווי דער ראש ישיבה וועט זיך אויפהאלטן אין קרית יואל צום מגבית אויף עטליכע טעג.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.